View in browser

קניידל

טעגליכע פּאַרציע נייעס.

דאנערשטאג מטו"מ - כ"ח תמוז תשפ"ה
קניידל #459

זומער אפטיילונג
דער בלאַט
א 'פארפרוירענע' אימפעריע
אהרן קליין
70 years
KLEIN'S REAL KOSHER ICE CREAM

קליין'ס אייזקריעם: 70 יאָר פון קוואַליטעט און אומפאַרגעסליכע מאָמענטן. א געשמאק וואס מען שפירט אין יעדן ביס.

קליין'ס אייזקריעם: טראַדיציע פון דור צו דור!זעהט דעם עקסקלוסיווע אינטערוויו אין "דער בלאַט" מיט הרה"ח ר' אהרן קליין פון קליין'ס כשר אייזקריעם און באקענט אייך מיט די רייכע היסטאריע פון די פירמע וואס דערקוויקט גרויס און קליין.

קניידל אבזערוואציעס

רוסלאנד און אוקראינע אפגעהאלטן שלום געשפרעכן אין טערקיי

טערקיי - רוסישע און אוקראינישע פארהאנדלער האבן זיך נעכטן געטראפן אין איסטאנבול, טערקיי פאר זייערע ערשטע שלום געשפרעכן אין מער ווי זיבן וואכן, מיט מאסקאווע וואס איז אונטער דרוק פון דער אמעריקאנער פרעזידענט טראמפ צו דערגרייכן אן אפמאך אדער אויסשטיין שווערע סאנקציעס.

"אוקראינע האט אלץ געבעטן פאר א באגעגעניש דורך די פירער פון ביידע לענדער. מיר זענען געווען גרייט דערויף נעכטן, מיר זענען גרייט היינט, און מיר וועלן זיין גרייט מארגן," האט דער אוקראינישער דעלעגאציע-פירער רוסטעם אומעראוו געשריבן אויף טעלעגראם.

פוטין האט אפגעווארפן א פריערדיגע ביטע פון זאלענסקי זיך צו טרעפן מיט אים פערזענליך זאגנדיג אז ער זעהט אים נישט אלס א לעגיטימע פירער, צוליב וואס אוקראינע - וואס איז אונטער קריגס-געזעץ - האט שוין נישט אפגעהאלטן נייע וואלן פון ווען זאלענסקי'ס פינף-יעריגער קאדענץ האט זיך געענדיגט פאריגע יאר.

גאבארד אנטפלעקט נייע באווייז איבער אבאמא'ס "פאבריצירטע פוטש" פלאן קעגן טראמפ

וואשינגטאן - דער דירעקטאר פון די נאציאנאלע אינטעליגענץ, טולסי גאבארד, האט נעכטן ארויסגעשטעלט נאך מאטעריאלן וואס צייגט אז די אדמיניסטראציע פון דער געוועזענע פרעזידענט אבאמא האט "פאבריצירט" אינפארמאציע צו באשולדיגן רוסלאנד אין ארויסהעלפן דעם דעמאלסדיגע פרעזידענטליכע קאנדידאט טראמפ, און האט דערנאך איינגעשפאנט זיכערהייט אגענטור צו אויספארשן די פאלשע באהויפטונג.

די נעכטיגע באריכט קומט עטליכע טעג נאך וואס גאבארד האט ארויסגעשטעלט א באזונדערע הויפן פון אינפארמאציע, וואס ווייזט אז די אבאמא אדמיניסטראציע האט פלאנירט א "יאר-לאנגע פוטש" קעגן טראמפ. א ווארטזאגער פאר אבאמא האט אפגעווארפן די באשולדיגונגען, און דאס באצייכנט אלס "מאדנע און נאריש."

קניידל ביסן

פראנקרייך - דער פראנצויזישער פרעזידענט מאקרון האט אריינגעגעבן א קלאגע אין א דעלעווער געריכט קעגן די איינפלוסרייכע און אנטיסעמיטישער פאדקעסטער, פרוי קענדעס אווענס, אויף באשולדיגונגען אז זי האט פאבריצירט פאלשע געשיכטעס אויף זיין פרוי און א קינד. צווישן אנדערע האט אווענס געזאגט אז בריזשיט מאקרון, דער פרוי פון פרעזידענט מאקרון, איז געבוירן געווארן מיטן נאמען דזשאן-מישעל טראגנעא, דער נאמען פון איר עלטערע ברודער.



וואשינגטאן - אין א פרישע אנקעטע איבער די פרעזידענטליכע וואלן אין 2028 איז וויצע פרעזידענט וואנס ארויסגעקומען אלץ געווינער, געווין ניוסעם - דער גאווערנער פון קאליפארניע - איז ארויס דער העכסטע צווישן דעמאקראטן. קאמיש איז אז פרעזידענט טראמפ - וואס קען נישט לויפן פאר א דריטע טערמין לויט די קאנסטיטוציע - האט באקומען די זעלבע 4 פראצענט ווי זיין געוועזענע קעגנער העריס.



וואשינגטאן - פרעזידענט טראמפ'ס גרעניץ צאר טאם האמאן האט זיך געלאזט הערן איבער די אינצידענט עטליכע טעג צוריק ווען אן אומלעגאלע אימיגראנט האט געשאסן א פאליציי אפיציר אין ניו יארק סיטי, זאגנדיג אז שטעט וואס באשיצן אימיגראנטן ווי ניו יארק סיטי און לאס אנדזשעלעס זענען איצט דער העכסטע פריאריטעט פון אייס וואס וועט פארפלייצן די סיטיס גאנץ צו כאפן און ארעסטירן אימיגראנטן אויף א פרעצעדענטלאזע פארנעם.



צפון קעראליינע - דער געוועזענע דעמאקראטישער גאווערנער פון צפון קעראליינע, רוי קופער, האט געמאלדן אז ער וועט לויפן פאר דעם סענאט זיץ אין זיין שטאט, מיטן ציל צו איבערנעמען דעם זיץ פון דער רעפובליקאנער סענאטאר טאם טיליס אין 2026. קופער האט געוואונען דעם גאווערנאר זיץ אין 2020 מיט 51.5% שטימען קעגן דער רעפובליקאנער דאן פארעסט וואס האט באקומען 47.0% פון די שטימען.



וואשינגטאן - מיט א בליק פאראויס צו די מידטוירמס אין נאוועמבער '26, צייגט א פרישע אנקעטע אז די צופרידנהייט ראטע פון דעמאקראטן אין קאנגרעס שטייט ביי בלויז 34% צווישן אמעריקאנער וויילער, מיט 66% וואס האבן אויסגעדרוקט אומצופרידנהייט. אויף די פראגע איבער רעפובליקאנער אין קאנגרעס, האבן 42% געענטפערט פאזיטיוו מיט 58% נעגאטיוו.

מעסאטשוסעטס - וויצע פרעזידענט וואנס האט גערייזט צו מעסאטשוסעטס פאר א פריוואטע אווענט צו אויפטרייבן געלט פאר די רעפובליקאנער נאציאנאלע קאמיטעט. אויפן ארט איז געווארן אויפגעטריבן 3 מיליאן דאלער. דאס קומט נאך אין א צייט ווען רעפובליקאנער פארמאגן גאר אסאך געלט גרייט פאר די מידטוירם וואלן.

אמעריקע - קאלאמביע אוניווערסיטעט האט געמאלדן אז זי וועט צאלן איבער $200 מיליאן פאר די אמעריקאנער רעגירונג אין אן אפמאך מיט די טראמפ אדמיניסטראציע צו שליכטן פעדעראלע אויספארשונגען. אונטער די אפמאך וועט די שולע באקומען א מערהייט פון די געלטער וואס טראמפ האט אפגעשטעלט אין מערץ, נאך וואס די שולע האט זיך אנטזאגט צו קאאפערירן מיט די רעגירונג צו בעסער באקעמפן אנטיסעמיטיזם.

פינאנציעלע קניידל

האנדל אפמאך דערגרייכט מיט יאפאן; וועט אינוועסטירן $550 ביליאן אין אמעריקע

פרעזידענט טראמפ האט געמאלדן אז עס איז דערגרייכט געווארן א "מאסיווע" האנדל אפמאך מיט יאפאן אונטער וואס זי וועט באצאלן 15% טאריפס אויף אירע אימפארטן קיין אמעריקע, אריינגערעכנט אויף אירע קארן.

טראמפ האט אנגערופן די אפמאך "מעגליך די גרעסטע דיעל אמאל געמאכט אין היסטאריע," צולייגנדיג אז יאפאן וועט אינוועסטירן $550 ביליאן אין די אמעריקאנער עקאנאמיע און אמעריקע וועט באקומען 90% פון די פארדינסטן.

לויט די אפמאך וועט יאפאן עפענען איר לאנד פאר אמעריקאנער פירמעס צו פארקויפן קארן, טראקס, רייז און אנדערע אגריקולטור פראדוקטן, צווישן אסאך אנדערע זאכן.

קורצליך נאך די מעלדונג האט יאפאן'ס הויפט פארהאנדלער געשריבן אויף סאציאלע מידיע "מיסיע אויסגעפירט," און אויסגעדריקט "א הארציגע דאנק צו א יעדן וואס האט אנטייל גענומען." אמעריקאנער קאר פירמעס האבן קריטיקירט די אפמאך פארן געבן קלענערע טאריפס פאר אויסלענדישע פירמעס. שעירס אין יאפאנעזער קאר פירמעס האבן אלע געשפרינגען, האנדא מיט 13%, טאיאטא מיט 13%, ניסאן מיט 8%, מאזדא מיט 17% און מיטסובישי מיט 13%.

גוגל מעלדט פארדינסטן, שטייגט איבער ערווארטונגען



אלפאבעט, די מוטער-פירמע פון גוגל, האט געמאלדן צווייטע-קווארטל פארדינסטן פון $2.31 פער שעיר אויף א רעוועניו פון $96.4 ביליאן - 14% העכער ווי פאריאר. וואל סטריט אנאליסטן האבן ערווארטעט א רעוועניו פון בלויז $94 ביליאן.

ווי אויך האט די פירמע געהעכערט די סומע וואס זי גייט אינוועסטירן די יאר מיט $10 ביליאן ארויף צו $85 ביליאן, צוליב שטארקע פארלאנג פאר אירע קלאוד פלאטפארמע.

CASH BOOST
INCREASE YOUR BUSINESS CASH FLOW WITH PRECISE LOANS AND LINES OF CRE
OUR IN-HOUSE CPA'S AND CREDIT PROFESSIONALS WILL ENSURE THAT YOUR APPLICATION IS APPROVED AND THAT YOU RECEIVE MAXIMUM FUNDS.
Affiliated with a team of professional accountants
Levy Leifer
Business Funding Specialist
FUNDI
Business Loans - Lines Of Credit
347.455.8536
Levy@fundipros.com

געזונטע קניידל

'דר. רעדיס' וועט ארויסגעבן ביליגע ווערסיע פון נאווא נארדיסק'ס וואג-פארלוסט מעדיצין 'וויגאווי'

Dr.Reddy's
Chirotech Technology Centre

די אינדישע פארמאסויטיקעל ריז 'דר. רעדיס' פלאנירט צו ארויסגעבן א ביליגע נאכגעמאכטע ווערסיע פון נאווא נארדיסק'ס וואג-פארלוסט מעדיצין 'וויגאווי' וואס וועט פארקויפט ווערן אין 87 לענדער קומענדיגע יאר, האט די פירמע געמאלדן.

מעדיצין פאבריקאנטן זענען איינגעשפאנט אין א גלאבאלע פארמעסט צו אנטוויקלען וואג-פארלוסט מעדיצינען, וואס איז ערווארטעט צו דערגרייכן ביז ארום $150 ביליאן אין יערליכע סעילס ביז 2030, און קומט נאך וואס די דענמארק-באזירטע נאווא נארדיסק און די אמעריקאנער-באזירטע עלי לילי האבן געזען אן אויסערגעוועינטליכע נאכפראגע פאר זייער וואג-פארלוסט מעדיצינען.

כ'וויל אים שוין זאגן צוויי יאר
אבער ירושה איז א קאמפליצירטע נושא.
לאמיר עם אויסארבעטן
מסכים
845.751.9521

לאקאלע קניידל

קאנגרעסמאן מייק לאולער באשלאסן נישט צו לויפן פאר גאווערנאר שטעלע

ראקלענד קאונטי - קאנגרעסמאן מייק לאולער האט געמאלדן אז ער האט באשלאסן צו בלייבן פאר נאך א טערמין אין קאנגרעס און וועט נישט לויפן פאר די גאווערנאר שטעלע.

"נאך חדשים פון זיך דורכרעדן, האב איך באשלאסן אז די ריכטיגע זאך צו טון פאר מיר און מיין פאמיליע און מיין דיסטריקט איז צו לויפן פאר ווידערוויילונג. איך האב געוואונען די זיץ אין 2022 און נאכאמאל 2024. איך בין איינער פון בלויז דריי רעפובליקאנער וואס האבן געוואונען א זיץ וואס קאמאלע העריס האט אויך געוואונען! האלטן די הויז מערהייט איז קריטיש אויב אונז ווילן ווייטער טראגן די עקאנאמיע צום ריכטיגע ריכטונג."

ניו יארק ענדיגט קאסטן פאר טעלעפאן רופן אין שטאטישע טורמעס

ניו יארק - די ניו יארק טורמע דעפארטמענט האט געמאלדן אז פון אויגוסט 1 וועלן ארעסטאנטן מער נישט דארפן באצאלן צו מאכן טעלעפאן רופן אין אירע שטאטישע טורמעס.

ביז יעצט זענען ארעסטאנטן אין די שטאטישע טורמעס געווען ערלויבט צו מאכן דריי טעלעפאן רופן א וואך פריי פון אפצאל, דערנאך קאסט דאס 2.4 צענט א מינוט.

ניו יארק סיטי האט שוין ארויפגענומען די פרייז פאר טעלעפאן רופן אין 2019. קאנעטיקוט איז געווען די ערשטע שטאט צו ערלויבן טעלעפאן רופן פריי פון אפצאל, זינט דאן האבן אנדערע שטאטן נאכגעפאלגט דעם שריט צו פארבעסערן די באדינגונגען פאר ארעסטאנטן.

אידישע קניידל

"פיר אידן ארעסטירט אין רוסלאנד צוליב "כוליגאניזם

רוסישע פאליציי האבן ארעסטירט פיר אידן - צווי דערפון אמעריקאנער, איין רוסישער, און איין מדנ"י בירגער - אין סט. פעטערבורג, אויף "כוליגאניזם" באשולדיגונגען נאך וואס זיי האבן אנגעבליך ווילד געטאנצן און געזונגען בילדער נעבן דעם פעדעראלן זיכערהייטס סערוויס (עף.עס.בי) געביידע, דאס איז די רוסישע געהיים פאליציי.

פון די ארטיגע אידישע קהילה ווערט באריכטעט אז נאך שתדלנות דורך עסקנים זענען זיי באפרייט געווארן, אבער די פאליציי זאגט אז זיי זענען נאך אלס אונטער ארעסט.

שתדלנות אפצושטעלן בוי פראיעקט ביי מאסן קבר אין לובלין

אין א שאנדפולע שריט האבן אויטאריטעטן אין לובלין זיך אנטזאגט צו אפשטעלן א בוי פראיעקט אין די גורקאו טשעכאווסקי פארק, אין די אור-אלטע עיר ואם בישראל לובלין, פוילן, נאך באריכטן אז אויפן ארט געפונט זיך א מאסן קבר וואו עס זענען באגראבן אידן וואס זענען געהרגעט געווארן דורך די דייטשישע רשעים הי"ד.

מרכז רבני אייראפע האט געשיקט א בריוו צו פוילישע און אלוועלטליכע אויטאריטעטן אפצושטעלן די ארבייט, דאס קומט נאך וואס די פוילישע היסטאריע אינסטיטוציע האט שוין אוועקגעפירט איבער 60 גופים פון דעם שטח, ר"ל, אבער זיי זאגן אז דאס זענען רעשטלעך פון פאלאקן און נישט פון אידן.

די ארטיגע באאמטע האבן זיך אויך אנטזאגט פון דורכפירן DNA טעסטן אויף די מענטשליכע איבערבלייבענישן וואס זענען אנטפלעקט געווארן אויס זארג אז אויב וועט קלאר ווערן אז דאס איז א אידישע גופים, וועט דאס ארט באשטעטיגט ווערן אלס אידישע בית החיים, און אלע בוי פערמיטן וועלן ווערן אפגערופן.


און וויאזוי זאגט מען 'גאגעלס' אין אידיש?
ס'האט נישט קיין ווארט אבער מלבוש האט עס.
MALBISH

חרדישע קניידל

היסטארישער אסיפת גדולי ישראל

אסיפת חיזוק

אין א היסטארישע אנטוויקלונג ארום דעם ביטערן גזירת גיוס בני ישיבות, איז באשטעטיגט געווארן איבער אן ערשטמאליגן 'אסיפת גדולי ישראל', וועלכע וועט צונויפברענגען 'אלע' אדמורי"ם, רבנים, וראשי הישיבות פון די חסידישע קרייזן, סיי די אדמורי"ם פון 'אגודת ישראל' און אויך די אדמורי"ם ומנהיגי הקהלות פון 'עדה החרדית', וואו מען וועט כאיש אחד מטכס עצה זיין די ווייטערדיגע פלענער להעביר את רוע הגזירה.

אין די יעצטיגע טעג איז א ספעציעלע 'וועד' ארויפגעגאנגען איינלאדענען די אדמורי"ם ורבנים, און צווישן די רבני הוועד ציילן זיך: הגאון רבי צבי ראבינאוויץ ר"י באיאן, הגאון רבי משה ברזובסקי ר"י סלאנים, הגאון רבי חיים בונם ש"ץ מרבני גור, הגאון רבי חיים מאיר ווייס מרבני וויזניץ און נאך.

ערשטמאליגע 'בעלזא ביזנעס עקספאו'

נעכטן מיטוואך איז אפגעהאלטן געווארן אן ערשטמאליגע 'בעלזא ביזנעס עקספאו' אין ארץ ישראל, ווי הונדערטע בעלזא ביזנעסלייט האבן זיך צוזאמגענומען אין די 'בנייני האומה' זאלן אין ירושלים.

אמעריקאנער אמבאסאדאר ביי גדולי ראשי הישיבות



דער אמעריקאנער אמבאסאדאר אין ארץ ישראל מייק האקאבי האט אפגעשטאט א באזוך ביי הגאון הגדול רבי דוב לאנדא שליט"א און הגאון הגדול רבי משה הלל הירש שליט"א ראשי ישיבת סלאבאדקע, אין באגלייטונג פון הרה"ג ר' דוד האפשטעטער שליט"א נשיא ארגון דרשו, וועלכער האט איבערגעטייטשט די שמועס.

צווישן אנדערע האבן די ראשי ישיבה געבעטן פונעם אמבאסאדאר איבערצוגעבן א פערזענליכע פארלאנג צו די אמעריקאנער פירער, אז זיי זאלן פרובירן מבטל צו זיין דעם גזירת הגיוס.

עס קומט פאהר די **שמחת הווארט** פון הכלה אייניקל ביי כ"ק האדמורי"ם **מסקווירא און וויזניץ** שליט"א, טאכטער פון הרה"צ ר' יצחק טווערסקי שליט"א, מיט **החתן בן הרב דוד גראס** שליט"א ראה"כ סקווירא ב"ב - אין ביהמ"ד הגדול וויזניץ אין בני ברק.

כ"ק אדמו"ר **מביטשקוב** שליט"א **לאזט זיך ארויס צום שטאט בישטנא** און וועט פוקד זיין דעם ציון הק' פון זקינו הרה"ק רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע.

היינט ערב ראש חודש וועלן פארקומען מערערע **'עצרות תפלה' אין ארץ ישראל לביטול גזירת הגיוס.**

היינט געפאלט די **יארצייט** פון הרה"ק **בעל ישמח משה** זי"ע - הונדערטע אידן געפונען זיך ביים ציון הק' אין אוהעל.

שידוכים קניידל

החתן **יצחק אייזיק** נ"י בן מו"ה **ישראל יוסף גרינפעלד** הי"ו (וומס"ב)
עב"ג בת מו"ה **משה אהרן ווייס** הי"ו (וומס"ב)
שדכן מו"ה **יואל אקערמאן** הי"ו (וומס"ב)

החתן **שלמה זלמן** נ"י בן מו"ה **אשר אנשיל שווארטץ** הי"ו (וומס"ב)
עב"ג בת מו"ה **צבי יודא ברוין** הי"ו (ב"פ)
שדכן מו"ה **משה אהרן ציממערמאן** הי"ו (וומס"ב)

החתן **יוסף ארי'** נ"י בן מו"ה **ישראל יצחק סאלאמאן** הי"ו (מאנסי)
עב"ג בת מו"ה **יעקב שמעון קליין** הי"ו (ב"פ)
שדכן מו"ה **מרדכי ביניק** הי"ו (מאנסי)

Kneidel Inc | 2 Perlman Drive, Monsey, NY 10977
845-237-9385
If you no longer wish to receive these messages, please click Unsubscribe